# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944
(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן
רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

א.

טרעפֿט, קינדער, וואָסער יום טובֿ איז דער בעסטער פֿון אַלע ימים-טובֿים?

חנוכּה!

אַכט טאָג כּסדר נישט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידל און באַקומען פֿון אַלע זײַטן חנוכּה געלט — נו, באַדאַרף מען נאָך אַ בעסערן יום-טובֿ?

ווינטער. אין דרויסן איז קאַלט, דער פֿראָסט ברענט מיט סכּנות, די פֿענצטער זײַנען פֿאַרקאָוועט, באַדעקט מיט שניי, צעמאָלט אויפֿן שענסטער אַרט. און אין שטוב איז וואַרעם — מחיה נפֿשות. דאָס זילבערנע חנוכּה-לעמפּל שטייט צוגעגרייט נאָך פֿון בײַטאָג. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב, די הענט אַרונטער, און דאַוונט מעריבֿ. אויסגעשטאַנען שמונה-עשׂרה, נעמט ער ארויס פֿון טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל (דער שמש), זאָגט „עלינו״ און מאַכט צו אונדז, צו מיר און מײַן ייִנגערן ברודער מאָטל, אויף לשון-קודש:

— אי-אָ! שהוא נוטה שמים ויוסד האַרץ... אי-נו-אָ!

איך און מײַן ברודער מאָטל פֿאַרשטייען ניט וואָס ער מיינט, און מיר פֿרעגן אים:

— „וואָס? אַ שוועבעלע?״

דער טאַטע באַווײַזט מיט דער האַנט אַהין, אין קיך אַרײַן.

— אי-אָ-אָ! ועל כן נקוה לך... אי-אָ-נו!

— וואָס? אַ קאָלאָדאַטש-מעסער?, אַ שערל? דאָס אויבערשטע פּונעם שטויסל?

— מט- אי-אי-אָ-נו-פֿע! אמי! אמי! ביום ההוא יהיה יי אחד ושמו אחד... די מאַמע! רופֿט אַרײַן די מאַמע, לאָז זי גיין הערן בענטשען חנוכּה ליכטלעך.

איך און מײַן ברודער מאָטל לאָזן זיך לויפֿן ביידע, איינס איבער אַנדערן.

— מאַמע! גיכער, חנוכּה-ליכטלעך!

— אוי, אַ מכּה איז מיר, חנוכּה-ליכטלעך! — זאָגט די מאַמע און וואַרפֿט אַוועק אַלע אַרבעטן אין קיך (מע האָט געקווילעט גענדז, מע פֿרעגלט שמאַלץ, מע האָט גערעשטשינעט לאַטקעס) און לאָזט זיך לויפֿן אין שטוב אַרײַן, און נאָך איר ברײנע די קעכין, אַ שוואַרצע ייִדענע מיט וואָנצעס, מיט אַ פֿעט פּנים און מיט תּמיד פֿעטע אויסגעשמירטע הענט. דע מאַמע שטעלט זיך אַוועק אין אַ זײַט און מאַכט אַ פֿרום פּנים, און ברײנע די קעכין בלײַבט

שטיין בײַ דער טיר, ווישט די הענט אינעם קויטיקן פֿאַרטעך, טוט אַ שמיר מיט דער פֿעטער האַנט איבער דער נאָז פֿון אונטן אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצן צײַכן איבערן גאַנצן פּנים. מיר זײַנען שטאַרקער פֿון אײַזן, איך און מײַן ברודער מאָטל, אַז מיר האַלטן זיך אײַן און שיסן ניט אויס קיין געלעכטער.

דער טאַטע גייט צו מיטן אָנגעצונדענעם שמשׂ צום חנוכּה-לעמפּל, בויגט זיך אָן און מאַכט די ברכה מיט אַ באַקאַנטן ניגון: „ברוך אתּה!” און לאָזט אויס „להדליק נר של חנוכּה!”

די מאַמע ענטפֿערט מיט אַ גרויס יִראת-שמים: „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן”., און ברײַנע שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט בשעת מעשׂה אַזעלכע פּיסקעס, אַז איך און מײַן ברודער מאָטל האָבן מורא אַ קוק טאָן אײנס אויף דאָס אַנדערע..

„הנרות הללו שאָנו מדליקין” — זינגט דער טאַטע אונטער דער נאָז און שפּאַצירט אַהין און צוריק איבערן זאַל, קוקט אויפֿן חנוכּה לעמפּל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָר נישט אויף צו זאָגן. מיר וואָלטן װעלן עס זאָל שוין האָבן אַן עק, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע, צום בײַטעלע, מיר ווינקן זיך איבער, שטופּן אונטער אײנס דאָס אַנדערע:

— מאָטל, גיי צו, זאָג אים חנוכּה-געלט.
— וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכּה-געלט?
— אַזוי, וואַרעם דו ביסט קלענער. באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכּה-געלט.
— טאָמער פֿאַרקערט. דו ביסט עלטער, באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכּה-געלט.

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדן פֿון חנוכּב-געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. שטיל, נישט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל, און צאָלט געלט. עס גייט אונדז איבער אַ קליין פֿרעסטל איבער לײַב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אויף די סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּעה, מאַכן זיך כּלומרשט קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.
— המ..... קינדער, קומט נאָך אַהער
— האַ? וואָס איז?
— נאַט אײַך חנוכּה-געלט.

באַקומען אונדזער חנוכּה-געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מײַן ברודער מאָטל, פֿריער פּאַוואָליע, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם — גיכער און גיכער, מיט אַ שפּרונג-אונטער און מיט אַ טענצל. און ביז מיר קומען אין אונדזער חדרל אַרײַן קענען מיר זיך ניט אײַנהאַלטן, קוליען זיך איבער דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף, שפּרינגען אויף אײן פֿוס און זינגען אונטער:

אײנגע, בײנגע,

סטופּע ציינגע,
אַרצע, באַרצע,
גאָלע שוואַרצע,
איימעלע, ריימעלע,
בייגעלע, פֿייגעלע —
האָפּ!

און פֿאַר גרויס שׂמחה און התפּעלות געבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

עס עפֿנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן דער פֿעטער בעני.

— חבֿרה פלעצל, איך קומט חנוכּה-געלט

דער פֿעטער בעני לייגט אַרײַן די הענט אין זשילעט-קעשענע, נעמט אַרויס צוויי זילבערנע גילדן און גיט אונדז חנוכּה-געלט.

-//-

די פֿאָרזעצונג קומט ווײַטער